בס"ד

# די ברכה אין שטוב

יו"ל ע"י "בית ברכה" מרכז מפעלי חינוך לבנות - סטאלין קארלין

## אינהאלט:


* **פרשה** / וילך - האזינו - וזאת הברכה
* **הילולא** / הרה״ק ר׳ ישראל מגראדז׳יסק זצוק״ל הי״ד
* **סיפור** / לא תגורו מפני איש
* **סיפור** / פועל׳ן דורך שמחה
* **סיפור** / די פתקא מן שמיא
* **סיפור** / דער ריח פון אתרוג האט אים צוריק געברענגט
* **סיפור** /דער בריוו צום אלטן רבי׳ן
* **סיפור** / מסירות נפש צו פארן צום רבי׳ן זי״ע
* **סיפור** / שכר מצוה
* **הילולא דצדיקיא** /



שנה מ״ג כרך פ׳
גליון א׳ (אלפיים כ״ה)

ערש״ק וילך
ד׳ תשרי תשפ״ו

2025

# הדלקת הנרות

## פרשת וילך

| | ירושלים | טבריה | מודיעין | ניו-יורק |
|---|---|---|---|---|
| עש"ק | 5.55 | 5.49 | 6.04 | 6.27 |
| מוצש"ק | 7.06 | 7.05 | 7.06 | 7.35 |

# זמנים

## לפרשת האזינו

### ארץ ישראל

| יום | נץ החמה | סוזק"ש א. | סוזק"ש ב. | סוזת"פ א. | סוזת"פ ב. | חצות | שקיעה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ראשון | 6.26 | 8.45 | 9.30 | 9.56 | 10.30 | 12.30 | 6.32 |
| שני | 6.27 | 8.45 | 9.30 | 9.56 | 10.30 | 12.29 | 6.31 |
| שלישי | 6.28 | 8.46 | 9.30 | 9.56 | 10.30 | 12.29 | 6.30 |
| רביעי | 6.28 | 8.46 | 9.30 | 9.56 | 10.30 | 12.29 | 6.28 |
| חמישי | 6.29 | 8.46 | 9.31 | 9.56 | 10.30 | 12.28 | 6.27 |
| שישי | 6.30 | 8.46 | 9.31 | 9.56 | 10.30 | 12.28 | 6.26 |
| שב"ק | 6.30 | 8.46 | 9.31 | 9.56 | 10.30 | 12.28 | 6.24 |

### ניו-יורק

| יום | נץ החמה | סוזק"ש א. | סוזק"ש ב. | סוזת"פ א. | סוזת"פ ב. | חצות | שקיעה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ראשון | 6.50 | 9.12 | 9.48 | 10.23 | 10.47 | 12.46 | 6.42 |
| שני | 6.51 | 9.12 | 9.48 | 10.23 | 10.47 | 12.46 | 6.40 |
| שלישי | 6.52 | 9.12 | 9.48 | 10.23 | 10.47 | 12.47 | 6.39 |
| רביעי | 6.53 | 9.13 | 9.49 | 10.24 | 10.48 | 12.48 | 6.37 |
| חמישי | 6.54 | 9.13 | 9.49 | 10.24 | 10.48 | 12.49 | 6.35 |
| שישי | 6.55 | 9.13 | 9.49 | 10.24 | 10.48 | 12.49 | 6.34 |
| שב"ק | 6.56 | 9.14 | 9.50 | 10.24 | 10.48 | 12.50 | 6.32 |

# הדלקת הנרות

## פרשת האזינו

| | ירושלים | טבריה | מודיעין | ניו-יורק |
|---|---|---|---|---|
| עש״ק | 5.46 | 5.39 | 5.55 | 6.16 |
| מוצש״ק | 6.57 | 6.55 | 6.57 | 7.23 |

# זמנים

## לפרשת וזאת הברכה

### ארץ ישראל

| יום | נץ החמה | סוזק״ש א. | סוזק״ש ב. | סוזת״פ א. | סוזת״פ ב. | חצות | שקיעה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ראשון | 6.31 | 8.46 | 9.31 | 9.56 | 10.30 | 12.27 | 6.23 |
| שני | 6.31 | 8.47 | 9.31 | 9.56 | 10.30 | 12.27 | 6.22 |
| שלישי | 6.32 | 8.47 | 9.32 | 9.56 | 10.30 | 12.27 | 6.21 |
| רביעי | 6.33 | 8.47 | 9.32 | 9.56 | 10.30 | 12.27 | 6.20 |
| חמישי | 6.33 | 8.47 | 9.32 | 9.56 | 10.30 | 12.26 | 6.18 |
| שישי | 6.34 | 8.47 | 9.32 | 9.56 | 10.30 | 12.26 | 6.17 |
| שב״ק | 6.35 | 8.48 | 9.32 | 9.56 | 10.30 | 12.26 | 6.16 |

### ניו-יורק

| יום | נץ החמה | סוזק״ש א. | סוזק״ש ב. | סוזת״פ א. | סוזת״פ ב. | חצות | שקיעה |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ראשון | 6.57 | 9.14 | 9.50 | 10.24 | 10.48 | 12.44 | 6.31 |
| שני | 6.58 | 9.15 | 9.51 | 10.24 | 10.48 | 12.44 | 6.29 |
| שלישי | 6.59 | 9.15 | 9.51 | 10.24 | 10.48 | 12.44 | 6.27 |
| רביעי | 7.00 | 9.15 | 9.51 | 10.25 | 10.49 | 12.43 | 6.26 |
| חמישי | 7.01 | 9.16 | 9.52 | 10.25 | 10.49 | 12.43 | 6.24 |
| שישי | 7.02 | 9.16 | 9.52 | 10.25 | 10.49 | 12.43 | 6.23 |
| שב״ק | 7.03 | 9.16 | 9.52 | 10.25 | 10.49 | 12.43 | 6.21 |

# פרשה וילך - האזינו - וזאת הברכה

## תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב.

די תרי"ג מצוות וואס ווערן אין תורת משה געברענגט אלס ציווי פאר כלל ישראל, קענען נישט מקויים ווערן דורך יעדן ייד, עס זענען פאראן מצוות וואס נאר כהנים קענען מקיים זיין, נאר לויים, נאר מענער, א.א.וו.

אויב גאנץ כלל ישראל איז באחדות, ווערן די מצוות גערעכנט "בשם כל ישראל" - איין ייד איז ערב צום צווייטן און עס ווערט גערעכנט ווי אלע זענען מקיים די גאנצע תורה, דאס זאגט דער פסוק "תורה צוה לנו משה מורשה" משה האט אונז אנגעזאגט א גאנצע תורה און האט עס מוריש געווען פאר כלל ישראל בתנאי אז עס וועט זיין "קהילת יעקב" - אלע וועלן ווערן ווי איין "קהל" באחדות, דאן וועט די תורה זיין בשלימות.

☆ ☆ ☆

## ויתמו ימי בכי אבל משה.

פארוואס שטייט ביי יעקב אבינו דער לשון "ויעברו ימי בכיתו" - עס זענען אריבער די טרויער טעג פון נאך זיין פטירה, און ביי משה'ן שטייט דער לשון "ויתמו ימי בכי אבל משה" עס האבן זיך געקאנטשעט די טרויער טעג?

שרייבט דער "ישועת יעקב" ביי יעקב איז דער טרויער נאר אריבער און מ'איז באלד אריין צו א צווייטן טרויער - צרות המצרים - גלות מצרים - אנדערש איז ביי משה'ן וואס דער טרויער האט זיך געענדיגט, מ'איז אריין אין "ארץ-ישראל" און עס האבן זיך אנגעהויבן ימי שמחה.

☆ ☆ ☆

## וימת שם משה עבד ה'.

די גמרא הק' זאגט און רש"י ברענגט אויפן ארט "הקב"ה אומר ומשה כותב בדמע", משה רבינו האט דאך געלעבט, ווער'זשע האט געשריבן "וימת שם משה", זאגן חז"ל אז הקב"ה האט געזאגט די ווערטער אויף לעתיד און משה האט דאס שוין געשריבן, מיט טרערן, ווי קומט צו משה'ן דער גרויסער מענטש זאל דערביי וויינען, משה האט דען פארן טויט געציטערט? שרייבט דער "תפארת שלמה" פון ראדומסק, אז משה האט נישט געוויינט אויפן שרייבן "וימת שם משה" נאר אויף דעם וואס הקב"ה הייסט אים שרייבן אזא טיטל אויף זיך "עבד ה'"!

# הילולא

## הרה״ק ר׳ ישראל זצוק״ל הי״ד
## פון גראדז׳יסק

צו זיין ארויף גיין אויף קידוש ה׳ י״ח תשרי (תש״ג)

צו הרה״ק ר׳ חיים מאיר יחיאל, זוהן פון הרה״ק ר׳ אלימלך פון גראדז׳יסק, שווער פון יונגן רבי׳ן זי״ע, און צו די צדיקת די טאכטער פון הרה״ק ר׳ יצחק פון בוהוש, זוהן פון הייליגן רוז׳ינער זי״ע, איז געבוירן געווארן אין יאר תרל״ד א זוהן אין גראדז׳יסק וואס איז גערופן געווארן ״ישראל״ נאך די זיידעס - דער קאז׳ניצער מגיד און דער הייליגער רוז׳ינער.

א קורצע צייט נאך דעם געבוירן ווערן פון דעם יונגן ״ישראל״ איז דער פאטער רבי חיים מאיר יחיאל נסתלק געווארן אין עלטער פון 20 יאר, און ער האט איבער געלאזט די אלמנה מיטן קליין יתומ׳ל.

די ערשטע יארן איז ער נתחנך געווארן ביים גרויסן זיידן אין באהוש, און שפעטער איז ער אריבער צום גרויסן זיידן הרה״ק ר׳ אלימלך אין גראדז׳יסק וואס האט מיט אים געלערנט און מחנך געווען און אים אויך צוגעגרייט צו קענען פירן אן עדה.

ווען דער זיידע רבי אלימלך איז נסתלק געווארן ד׳ ניסן תרנ״ב, איז רבי ישראל אלט געווען 18 יאר, און אויף זיין שטול אין גראדז׳יסק האט זיך געזעצט דער יונגער רבי ישראל, וואס איז געווארן אן איידעם ביים יונגן רבי׳ן, ער האט חתונה געהאט מיט די רעבעצן די צדיקת נחמה פיגא, וואס איז געבוירן געווארן חמשה עשר באב פון יאר תרל״ג, אין דעם זעלבן טאג פון די הסתלקות פון איר פאטער דער יונגער רבי מרן הרה״ק ר׳ אשר פון סטאלין זצוק״ל.

☆ ☆ ☆

22 יאר איז רבי ישראל געזעצן אויפן שטול אין גראדז׳יסק און האט געפירט די עדה ברמה, רבי ישראל איז אויסגערופן געווארן אויך אלס א מנהיג ווען ער פירט אן אלע ציבור׳ישע ענינים וואס האבן געהאט מיט יידן אין דעם געגנט.

ווען עס האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט מלחמה אין יאר תרע״ד, האט רבי ישראל געמוזט פארלאזן גראדז׳יסק און ער איז אריבער קיין ווארשא און האט דארט אויפגעשטעלט א הויף און א בית מדרש, דער הויף איז געווארן א תל תלפיות פאר אסאך חסידים, און רבי ישראל האט זיך אויך געמישט אין אלע ציבור׳ישע ענינים וואס האבן געהאט מיטן יידישן ציבור אין פולין.

אויך אין ענינים פון חינוך האט רבי ישראל געהאט אין ווארשא א שטארקע דיעה, עס זענען דאן אויפגעשטעלט געווארן חדרים פאר קינדער, און קינדער זענען דארט נתחנך געווארן צו תורה און יראת שמים.

די תורה וואס רבי ישראל פלעגט זאגן האבן חסידים געדרוקט אין דעם חשוב'ן ספר "אמונת ישראל" וואס איז נאך געדרוקט געווארן אין ווארשא פאר די ערשטע וועלט מלחמה, און שפעטער איז דער ספר אויך געדרוקט געווארן אין ירושלים.

א שטארקע אהבה האט געהערשט צווישן מרן "אור ישראל" פון סטאלין מיט רבי ישראל'ן. מרן "אור ישראל" דער הייליגער פראנקפורטער פלעגט באזוכן אין גראדז'יסק, און איז נישט איינמאל געוועזן ביי אים אין הויז. דערציילט האט דער זוהן פון רבי ישראל'ן הרה"ק ר' אלימלך, גראדז'יסקער רבי אין ירושלים, אז אין איינע פון די וויזיטן פון מרן "אור ישראל" ביי זיין פאטער רבי ישראל'ן האט דער הייליגער פראנקפורטער געשמועסט א הויכן שמועס מיטן פאטער, און רבי אלימלך וואס האט זיך צוגעהערט האט פארשטאנען אז מ'רעדט וועגן די קומענדיגע שווערע צייטן וואס קומען אויף פולין און די יידן אין אייראפע, כאטש ס'איז דאן געווען אסאך יארן פאר די מלחמה, און קיינעם איז נישט ארויף אויפן געדאנק וואס פאר א צרות עס ווארטן אפ דעם יידישן פאלק, רבי אלימלך'ן האבן די רייד שטארק צורודערט און ער האט דאן אויפן ארט באשלאסן ארויף צו גיין קיין ארץ-ישראל, און אזוי האט ער זיך געראטעוועט באצייטנס.

✰ ✰ ✰

48 יאר האט רבי ישראל געפירט ברמה די חסידים פון גראדז'יסק און די אלע חסידים זענען געווען צו אים צוגעבונדן מיט גרויס ליבשאפט, ער איז צו זיי געווען ווי א טאטע, ער האט געפירט די עדה ברמה, ביז עס איז געקומען די ביטערע שווערע צווייטע וועלט מלחמה, געווען איז ער אין ווארשא און ווען דער דייטש ימש"ו האט אויפגעשטעלט דעם גיטו ווארשא איז רבי ישראל, וואס איז שוין געווען א זקן, געווען אין גיטו און דארט געפירט אלע מנהגים פון גראדז'יסק, און האט געפירט אלע מסורת'ן דורך מסירות נפש ממש, ווען דער עולם חסידים איז צו אים געווען צוגעבונדן און האט זיך געווארעמט ארום אים. יידן האבן געדאוונט און געלערנט מיט גרויס התלהבות אין זיין בית מדרש, כאטש עס האט געשמעקט מיט סכנת נפשות ממש.

ביז די לעצטע טעג וואס דער גיטו ווארשא האט אנגעהאלטן, האבן געטרייע חסידים אים אויסבאהאלטן פון די רשעים וואס האבן אים ארום געזוכט, אויך אין די שווערע טעג האט ער געשאפט גרויסע געלטער כדי צו העלפן צובראכענע יידן און ער האט אסאך יידן געראטעוועט.

אין די לעצטע חורבן טעג האבן אים די רשעים געכאפט צוזאמען מיט די רעבעצן די צדיקת - דעם יונגן רבינ'ס טאכטער, און זיי פארשיקט צו די ביטערע מחנה טרבלינקה, אבער אויך פון דארט האבן געטרייע חסידים מיט מסירות נפש זייביידן ארויס געכאפט און זיי אריין געזעצט אין א קליין מחנה נעבן טרבלינקה מיט האפענונג אז זיי וועלן דארט בלייבן לעבן.

אויך פון דעם מחנה איז רבי ישראל מיט מסירות נפש אריין געלאפן טאג טעגליך צו דעם ארט פון די אויוונס וואו מ'האט געברענט יידן, און זיי מחזק געווען און זיי געהייסן מקדש זיין שם שמים מיט שמחה.

אין א טאג האבן די רשעים אים מיט די רעבעצן געכאפט און אריין געפירט צווישן טויזנטער יידן צום פארניכטונגס ארט, צווישן די טויזנטער יידן האט איינער ארויס געשריגן:

גראדז'יסקער רבי, וואס זאגט איר יעצט ווען מען שטייט פארן טויט?

כאטש רבי ישראל איז געווען שוואך און אלט האט ער גענומען אויסשרייען מיט א הויכן קול, אזוי דערציילט איינער וואס איז ניצול געווארן די לעצטע מינוט:

> ברידער און שוועסטער הערט וואס איך רעד צו אייך, מיר קענען נישט און טארן נישט ח"ו מהרהר זיין אויף דעם וואס הקב"ה טוט מיט אונז, און אויב עס איז נגזר געווארן אויף אונז אז אין די צייט זאלן מיר זיין די קרבנות פון חבלי משיח, אין די צייט פון די גאולה, און מיר גייען יעצט ארויף אויף די עקידה דארף מען דאנקען און לויבן אז מיר האבן צו דעם זוכה געווען!
>
> אונזערע חכמים זאגן "ייתי ולא אחמיניה" זאל משיח קומען אבער מיר זאלן נישט זעהן די חבלי משיח ארום דעם, דאס האבן די חכמים געזאגט איידער דער זמן איז געקומען, היינט אבער אז מיר געפינען זיך שוין אין די צייט דארפן מיר פריילאך זיין אז מיר האבן זוכה געווען צו זיי די אש (אפר) וואס וועט מטהר זיין דעם גאנצן כלל ישראל, און איך בעט און פאדער פון אייך נישט וויינען און נישט האבן קיין ספיקות, נאר אדרבה זיין פריילאך, און לאמיר אלע אויסשרייען "אני מאמין באמונה שלימה" און צוזאמען ליינען קריאת שמע.

מיט דעם געשריי פון אלעמען "שמע ישראל" זענען אלע ארויף אויף קידוש ה' אין דעם טאג י"ח תשרי פון יאר (תש"ג).

**ה' ינקום דמו**

א "נס הצלה" איז אויך ביי רבי ישראל'ן געווען און פון די קינדער זענען ניצול געווארן, אויף זיין שטול איז געווען ביי אונז באוואוסט דער זוהן ממשיך דרכו הרה"ק ר' אברהם אלימלך פון גראדז'יסק זצוק"ל וואס האט געפירט אין ירושלים.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.**

## ספור לא תגורו מפני איש

צו דעם יארצייט טאג פון דעם גאון און צדיק רבי אביש ב"ר צבי (פון מעזריטש) רב פון פרנקפורט זצוק"ל - י"א תשרי (תקכ"ט)

הגאון הצדיק רבי אביש'ל פראנקפורטער זצוק"ל איז געווען באוואוסט מיט זיין גרויס קדושה און גדלות, דער בעש"ט הקדוש האט אויף אים געזאגט אז ער איז א בעל רוח הקודש און א בקי אין מתיבתא דרקיעא. און רבי אביש אליין האט געזאגט אז ער נעמט נישט קיין סנדקאות אויף קיין ברית ביז ער זעהט נישט אליהו הנביא ביים ברית.

א גרויסער עניו איז רבי אביש געווען און ווי עס ווערט דערציילט אז נאכדעם וואס זיין נאמען איז מפורסם געווארן אין די גאנצע וועלט איז געקומען פון די גרויסע קהילה אין פראנקפורט א דעלעגאציע (משלחת) אים צו ברענגען קיין פראנקפורט אנצונעמען דארט די רבנות. האט ער זיי געענטפערט אז ער דארף זיך מיישב זיין, און אין אפאר טעג ארום האט ער געגעבן זיין הסכמה דערצו.

ווען די דעלעגאציע האט אים געפרעגט: פארוואס ער האט נישט געגעבן זיין ענטפער באלד אויפן ארט האט רבי אביש זיי געענטפערט: צום אנהויב ווען איר זענט מיר געקומען אנגעבן די רבנות האב איך זייער געציטערט ווייל איך האב זייער מורא פאר גיאות און חנופה, האב איך דעריבער באשלאסן אנצונעמען די ארבעט פון ווערן א בעדער און איך בין פרייטיג געגאנגען זעהן ווי דער בעדער טוט זיין ארבעט, איך בין אבער אנטוישט געווארן זיך צו דערוויסן אז אויך דער בעדער חנפ'עט די גבירים, און דאס כאטש די ארעמעלייט צאלן די זעלבע, איז אויב דארט אין באד איז אויך דא חנופה מיט שקר, איז דאך שוין בעסער צו זיין א רב.

כאטש רבי אביש איז געווען ביי זיך אזא עניו, ווערט אויף אים דערציילט די שוידערליכע מעשה פון דעם "לא תגורו מפני איש" וואס ער האט מקיים געווען מיט די גאנצע שטארקייט.

ווען מ'האט דעם גאון רבי אביש געבראכט קיין פראנקפורט און מ'האט אים געוואלט קרוינען, האט דער גאון רבי משה וואס איז געווען פריער רב אין די שטאט דארמשטאט, און האט זיך באזעצט אין פראנקפורט, זיך קעגן געשטעלט. און וויבאלד דער גאון רבי משה איז געווען א גרויסער נגיד און א מקורב למלכות און זיין ווארט איז געווען שטארק אנגענומען, איז זיין חתימה אויף דעם כתב רבנות פון רבי אביש'ן געווען זייער חשוב. דעריבער זענען געקומען פון די חשוב'ע פון די קהילה צו רבי משה'ן ביי אים פועל'ן ער זאל אראפ נעמען זיין התנגדות, און אויך אונטער שרייבן אויף דעם כתב רבנות.

רבי משה האט גע'טענה'ט אז דאס איז נישט קיין כבוד פאר בני אשכנז אז

מ'זאל דארפן נעמען א רב וואס איז פון פולין, אין די צייט וואס אין אשכנז - פראנקפורט זענען דא גענוג גרויסע מענטשן וואס זענען ראוי צו זיצן אויפן שטול פון פראנקפורטער רבנות!

אבער אזא צדיק ווי רבי אביש'ן וועט מען אין פראנקפורט נישט טרעפן! - האבן די חשוב'ע פון די קהילה געענטפערט ר' משה'ן.

פון וואנען זענט איר אזוי זיכער? - זאגט צו זיי רבי משה - איך בין נאך אין דעם נישט זיכער, דעריבער וועל איך אויף דעם כתב נישט חתמ'ענען.

רבי אביש איז געווארן רב מיט די הסכמה און חתימה פון אלע חשוב'ע פון פראנקפורט, אבער רבי משה האט נישט געלייגט זיין חתימה.

עס זענען אריבער אפאר מאנאטן און רבי אביש האט שוין געפירט זיין רבנות ביד רמה.

אין א טאג איז רבי משה דער גרויסע נגיד געגאנגען אויפן וועג צום דאווענען, טרעפט ער אן א ייד און זאגט צו אים, איך האב פארגעסן מיט מיר צו נעמען געלט וואס איך דארף היינט טיילן אויף צדקה, אפשר וואלט איר מיר געקענט פארלייען אפאר הונדערט זילבערנע מטבעות. איר וועט אריין קומען צו מיר אין הויז אין אפאר טעג ארום וועל איך אייך די געלט אפצאלן. דעם ייד איז געווען א גרויסע חשיבות צו פארלייען דעם גרויסן רב און נגיד א סומע געלט, און ער האט באלד געשאפט די געלט און אים געברענגט אין שול אריין!

אין אפאר טעג ארום איז דער ייד געגאנגען צו רבי משה'ן אין הויז, ער האט אנגעקלאפט אין טיר און ווען דער שומר איז ארויס געקומען און אים געפרעגט וואס ער וויל, האט ער דערציילט דעם שומר אז דער רב האט ביי אים געליגן א סומע פון אפאר הונדערט זילבערנע מטבעות, און האט אים געהייסן קומען צו אים דאס אפנעמען.

דער שומר איז אריין צום רב איבער פרעגן צו ער זאל אים אריין לאזן, און איז ארויסגעקומען זאגנדיג: איר האט נישט וואס אריין צו קומען צום רב, פון ווען אן האט דער רב און גרויסער נגיד געדארפט לייען געלט ביי אזא קבצן ווי איר?! לא היו דברים מעולם! דער ייד האט נישט געוואוסט וואס צו טאן, ער האט זיך אנגעהויבן בעטן ביים שומר ער זאל אים אריינלאזן, און ער וועט דערמאנען דעם רב ווען ער האט אים פארליגן די געלט און וויפל, אבער דער שומר האט זיך אנגערופן צו אים מאכט זיך נישט נאריש, טשעפעט זיך אפ פון רב און מוטשעט אים נישט מיט אייערע נארישע המצאות. אויב איר ווילט א נדבה וועט אייך דער רב געבן א מטבע צוויי, אבער בעט נישט קיין הונדערטער מטבעות, דאס קומט אייך נישט.

דער ייד איז נעבאך אהיים צוטומלט, און וועמען ער האט נאר געפרעגט וואס ער האט צו טאן, האט אים יענער נאר אויסגעלאכט, דער רב רבי משה איז באוואוסט פאר א שיינער גביר און א גלייכער מענטש ווער וועט אייך גלויבן אז ער האט אייך בא'גנב'עט חלילה, לאזט זיך אפ פון אייערע נארישקייטן, האבן אלע צוגעלייגט.

ענדע איז דער ייד אריין צום נייעם רב דער גאון רבי אביש און אים דערציילט דעם אמת, אז דער רב רבי משה האט פון אים געליגן א גרויסע סומע געלט פארן דאוונען זאגנדיג אז ער האט פארגעסן מיט צו נעמען געלט צו טיילן צדקה, און האט אים געהייסן קומען צו אים אפאר טעג שפעטער אפצונעמען די געלט. און יעצט שיקט ער זאגן "לא היו דברים מעולם" ער לייקנט שטיין און ביין, ווי קען ער שטיין אין אזא הפסד פון געלט? און וואס קען ער טאן?

וואס איז די פראגע? - זאגט צו אים דער גאון רבי אביש - יש דין ויש דיין בישראל! עס איז דא א בית דין ביי יידן, מאכט א הזמנה צו א דין תורה און מיר וועלן אים שיקן רופן צום דין תורה, וועלן מיר הערןביידנס טענות, אויב איר זענט גערעכט וועלן מיר אים מחייב זיין צו באצאלן!

וואס? דעם רב רבי משה'ן, וואס די וועלט ציטערט פאר אים, וועל איך רופן צו א דין תורה? מ'וועט מיר דאך פארשטיינערן! - זאגט דער ייד.

פארוואס?! האט רבי אביש געענטפערט - זענען דען פאראן צוויי תורות ביי יידן חלילה?! עס שטייט דאך - "לא תגורו מפני איש כי המשפט לאלקים הוא" - דער זעלבער שולחן ערוך איז פאר אלע יידן!

דער ייד האט געפאלגט און רבי אביש האט געשיקט א שליח צו רבי משה'ן אים צו לאדענען צו א דין תורה, שוין אינעם זעלבן טאג.

ווען דער בית דין שמש איז אריין געקומען צו ר' משה'ן מיט די הזמנה האט ער אים אפגעזידלט און געזאגט: גיי זאג דיין רב אז איך האב אים בכלל נישט אנגענומען אלס רב, און איך האלט נישט ביים קומען צו אים זיך דן זיין.

ווען דער בית דין שמש איז צוריק געקומען צום גאון רבי אביש, און איבער געזאגט די ווערטער, האט דער גאון זיך נישט דערשראקן און אים געהייסן שיקן א צווייטע הזמנה. דערווייל איז אין שטאט געווארן א גערודער, א משלחת פון די חשובי הקהל איז אריין צום נייעם רב רבי אביש'ן, און פאר אים פארגעלייגט, אז ער טוט נישט גוט וואס ער גייט אריין אין א קאנפליקט מיטן חשוב'ן רב רבי משה וואס איז באקאנט פאר אן ערליכער מאן ביז גאר, און מ'קען אים נישט חושד זיין חלילה אז ער זאל לייען געלט און נישט אפצאלן, יענער ווייזט אויס איז עפעס א שווינדלער וואס וויל ארויס נארן פון אים א גרויסע סומע געלט, דעריבער איז כדאי ער זאל זיך פון דעם עסק אפזאגן עס זאל אין שטאט נישט ווערן קיין גערודער.

רבי אביש איז אבער געשטאנען ביי זיינס: די תורה זאגט "לא תגורו מפני איש" איך מוז מיין תפקיד אלס רב אויספירן ווי עס שטייט אין שולחן ערוך - ווען א ייד קומט מיט א תביעה זאל זיין קעגן ווועמען דאס איז, דארף מען פירן א ריכטיגן דין תורה און אויסהערן ביידע צדדים און שפעטער פסק'ענען. אויב ער וויל נישט קומען וועל איך אים שיקן רופן א דריטן מאל און איך וועל אויספירן די אלע דינים וואס שטייען אין שולחן ערוך.

דריי מאל האט רבי אביש געשיקט הזמנות צו רבי משה'ן, און ער האט אלעס אפגעענטפערט מיט די זעלבע טענה: איך האלט נישט ביים קומען און איך האב אים נישט אויפגענומען אלס רב, און די גאנצע מעשה איז נאר אן אנטשעפעניש.

אויף מארגן איז געווען א יום הקריאה,ביידע גאונים זענען געווען אין שול, ווען מ'האט די ספר תורה ארויס גענומען צו ליינען האט רבי משה געבעטן פון גבאי ער זאל אים היינט געבן אן עליה.

ווען דער גבאי האט אויפגערופן רבי משה'ן צו די עליה האט דער גאון רבי אביש א קלאפ געטאן מיט א שטרענגקייט און זיך אנגערופן: ווי קען מען אויפרופן צו אן עליה איינער וואס איז נישט מקיים וואס דארט שטייט!

אזוי אז ער האט אים ברבים נוזף געווען - אבער אנשטאט רבי משה זאל בלאס ווערן און פארשעמט ווערן און פרואוון ענטפערן אויף צוריק האט ער מיט א פריילאכן פנים און א שטראלונג פון שמחה אויסגערופן:

רבותי! ברענגט דעם כתב רבנות וואס די פראנקפורטער קהילה האט אויסגעשריבן אויפן נייעם רב, ווייל יעצט וויל איך אויך אונטער חתמ'ענען און האבן א זכיה צו שטיין אויף דעם כתב. יעצט בין איך שוין זיכער אז מ'האט אויסגעקליבן דעם ריכטיגן רב וואס פאסט פאר די גרויסע שטאט פראנקפורט און אז אזא צדיק וועט מען נישט טרעפן.

ער האט באלד אויך ארויס גענומען די סומע געלט וואס ער האט געליגן ביים ייד און אים געהייסן רופן, ווייל ער וויל אים באצאלן פאר אלעמען אין די אויגן, און ער וויל אים איבער בעטן ברבים און אים אויך באצאלן פאר די עגמת נפש פון א טאג צייט, וואס ער האט אים געמאכט, אבער איר אלע דארפט פארשטיין אז די כוונה איז געווען אויסצופרואוון דעם רב און זעהן זיין כח פון אמת, און אזוי דערהויבן זיין כבוד אין שטאט.

ווי מיר זעהען, האט רבי משה אויסגעפירט: אז כאטש אלע סימנים האבן לכאורה געוויזן אז איך בין גערעכט, ווייל ווי קומט אז איך זאל לייען ביי אן ארעמער ייד געלט, און בפרט אז איך לייקן שטיין און ביין, דער רב וואלט אויך נישט געלוינט זיך מיט מיר צו שטעלן אין א קאנפליקט ווען מ'דארף צו מיר אנקומען אלס מקורב למלכות, און בעסער וואלט געווען ווען ער חנפ'עט מיר אביסל צו, כדי איך זאל חתמ'ענען אויף די כתב רבנות.

אבער אלס איש אמת און ירא אלוקים, שונא בצע און אינו נושא פנים, האט ער מקיים געווען דעם "לא תגורו מפני איש" מיטן גאנצן אמת און שטאלץ, דעריבער דארפן מיר זיין גליקלאך אז מיר האבן זוכה געווען צו אזא רב. "אשרינו!".

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.**

## ספור

### פועל'ן דורך שמחה

א חסיד איז אמאל געקומען אויף יום טוב צו הרה"ק ר' דוד משה פון טשארטקוב זי"ע, געשטאנען איז ער פאר א שווערן משפט וואס האט געדארפט פארקומען באלד נאך יום טוב, און איז דעריבער ארום דעם גאנצן יום טוב מיט גרויס עגמת נפש.

מוצאי יום טוב ביים באגלייטן דעם יום טוב איז געווען ביים טשארטקובער א גרויסע שמחה, די חסידים האבן געטאנצט אין גרויסן זאל פאר דעם צימער פון רבי'ן און דער טשארטקובער איז געשטאנען ביי זיין טיר און האט זיך מיטגעפריידט.

יענער חסיד וואס האט געוואלט אז דער רבי זאל פאר אים פועל'ן א ישועה האט זיך געשטעלט נישט ווייט פון רבי'ן מיט א פארווייטיגטע צורה, און איז אין טאנץ נישט אריין.

פרעגט אים דער טשורטקובער: פארוואס גייסטו נישט אריין טאנצן גלייך מיט אלעמען?! מיר וועלן דיר דערציילן א מעשה:

איין יאר מוצאי יום כיפור האט זיך ביים בעש"ט הקדוש נישט געוויזן די לבנה, און דער הייליגער בעש"ט האט מיט רוח הקודש געזעהן אז דאס איז א מעשה שטן, ווייל ער האט געוואוסט אז אויב מ'וועט די נאכט נישט מחדש זיין די לבנה וועט נישט זיין גוט.

דער בעש"ט הקדוש האט געהאט גרויס עגמת נפש פארוואס די לבנה ווייזט זיך נישט און האט געוואלט פראוועו מיט זיין כוח אז די לבנה זאל זיך באווייזן און מ'וועט איר מחדש זיין!

א לאנגע צייט האט זיך דער בעש"ט הק' פארשלאסן אין צימער און אסאך געארבעט, און פון צייט צו צייט ארויס געשיקט פרעגן צו עס ווייזט זיך שוין די לבנה, אבער וואס שפעטער ס'איז געווארן איז דער הימל נאך מער פארוואלקנט געווארן, אזוי אז עס האט זיך נישט געוויזן קיין סימן אז די לבנה וועט נאך די נאכט זיך באווייזן.

אלע יארן - דערציילט ווייטער דער טשורטקובער זי"ע - פלעגן די חסידים און תלמידים פון בעש"ט פראוועו מוצאי יום כיפור א גאנצע שמחה, זיי האבן געהאלטן זייער רבי'ן ווי דעם כהן גדול נאך די עבודה, און חז"ל זאגן דאך "ויום טוב היו עושים בצאתו מן הקודש". אויך דעם מוצאי יום כיפור נישט קוקנדיג אויף דעם רבינ'ס דאגה ארום די לבנה, האבן זיי נישט געוואלט מוותר זיין אויף די שמחה, און זיי האבן זיך צוטאנצט מיט גרויס פרייד און התלהבות, פון גרויס התלהבות האבן זיי זיך געשפארט צום רבינ'ס טיר און דאס אויפגעעפנט און געטאנצט מיט גרויס שמחה אנטקעגן רבי'ן, די

שמחה איז געווארן אזוי גרויס ביז אפאר פון די גרויסע תלמידים האבן געבעטן פון רבי'ן דעם בעש"ט אז ער זאל אויך אריין גיין מיט זיי טאנצן, און מ'האט גע'פועל'ט, און די שמחה איז געווארן נאך גרעסער.

אין מיטן דעם פייערדיגן טאנץ שרייט אויס דער הייליגער בעש"ט: "קידוש לבנה!" מ'זעהט שוין די לבנה, און אלע זענען ארויס און באלד מחדש געווען די לבנה מיט שמחה.

שפעטער האט זיך דער בעש"ט הקדוש אנגערופן:

וואס איך האב געוואלט פועל'ן מיט מיין עבודה און נישט מצליח געווען, האבן די חסידים גע'פועל'ט דורך שמחה.

הערסטו, רופט זיך אן דער דער טשורטקובער זי"ע צום חסיד:

מ'דארף האבן בטחון אין באשעפער און שטענדיג פריילאך זיין מיט שמחה של מצוה, אויך ח"ו ווען מ'מיינט אז מ'איז אין א צרה קען מען דורך שמחה פועל'ן א ישועה.

דער חסיד איז אריין אין טאנץ און איז טאקע געהאלפן געווארן!

## **הכנה צו שמחת תורה**

**די הכנה וואס יידן מאכן אויף שמחת תורה איז נאך מער מיט א טאג ווי די הכנה צו שבועות, צו שבועות איז פאראן 49 טעג פון ספירה און שבועות איז צום 50'סטן טאג.**

**שמחת תורה - וואס צדיקים זאגן אז דער טאג איז דער תכלית פון די הייליגע טעג - איז דא א הכנה פון 50 טעג:**

**29 טעג פון אלול ווען דאן הויבט מען שוין אן זאגן "לדוד ה' אורי" 10 טעג עשרת ימי תשובה, 4 טעג צווישן יום-כיפור און סוכות, 7 טעג סוכות, זענען 50 טעג און שמחת תורה איז צום 51'סטן טאג. (פרי צדיק)**

## **שמיני עצרת**

**א טעם פארוואס שמיני עצרת זיצט מען שוין נישט און מען שלאפט נישט אין סוכה שטייט אין מדרש תנחומא (פרשת פנחס):**

**ווייל שמיני עצרת בעט מען שוין אויף רעגן און אויב מען וועט דאן זיצן און שלאפן אין סוכה, וועט מען נישט קענען מתפלל זיין בלבב שלם אויף רעגן, ווייל מ'וועט דאך נישט וועלן אז דעם טאג זאל רעגענען.**

# ספור

## די פתקא מן שמיא

געקומען איז דער הייליגער בעש"ט אין א יאר צו די שטאט פינסק כדי צו זיין אויף יום טוב סוכות ביים זוהן הרה"ק ר' צבי זי"ע וואס האט געוואוינט אין די שטאט פינסק.

נאכדעם וואס מ'האט אויפגעשטעלט א סוכה אין חצר ביי רבי צבי, איז דער הייליגער בעש"ט ארויס א קוק טאן אויף די סוכה. אין די זעלבע צייט איז אויך אדורך דער פינסקער רב וואס איז געווען פון די מתנגדים און מיט א בליק אויף די סוכה, האט ער זיך אנגערופן: די סוכה איז על פי הלכה פסול!

ווען מ'האט איבער געזאגט די ווערטער פון רב פאר דעם הייליגן בעש"ט האט ער זיך אנגערופן: די סוכה איז כשר ומהשמים יוכיחו! פון הימל וועט מען עדות זאגן, און ווייזן אונזער גערעכטיגקייט אז די סוכה איז כשר.

אזוי ווי דער בעש"ט הקדוש האט די ווערטער ארויס געזאגט, איז ארונטער געפאלן א פתקא מן שמיא - א צעטאלע - און אין דעם צעטאלע איז געשטאנען צוויי ווערטער "הסוכה כשרה".

דער הייליגער בעש"ט האט זיך נישט באגנוגנט מיט די ווערטער און האט צוגעלייגט: דער רב וועט נאך דארפן אנקומען צו אונזער סוכה.

ווי נאר עס איז געווארן נאכט, האבן זיך געעפנט "ארובות השמים" און א גאס רעגן האט זיך ארונטער געלאזט, עס איז נישט געווען מעגליך צו עסן אפילו דעם ערשטן כזית.

ביים בעש"ט אין סוכה האט אבער נישט גערעגנט, דער הייליגער בעש"ט איז געזעצן אין די ליכטיגע סוכה און מקיים געווען די מצוה כהלכתה.

דערווייל איז דער פינסקער רב געזעצן ביי זיך אין הויז, ארויס צו גיין צו די סוכה איז נישט געווען מעגליך, האט ער ארויס גענומען דעם שולחן ערוך הלכות סוכה און האט זיך אין דעם שולחן ערוך פארטיפט, און מיט אמאל שפרינגט ער אויף און זאגט: איך האב דאך א טעות געהאט אין הלכה, די סוכה וואס דער בעש"ט האט באקוקט איז יא כשר.

אזוי ווי דער רב זיצט אזוי פארקלערט, קומט אריין צו לויפן א ייד פון גאס נאס און באגאסן און דערציילט דעם וואונדער, ער האט יעצט געזעהן ווי דער בעש"ט זיצט מיט זיין פאמיליע אין סוכה און דארט רעגנט גארנישט אריין, ער עסט סעודת יום טוב כדין וכהלכה.

מיר וועלן גיין זעהן צו עס איז אמת, רופט זיך אן דער רב. ער טוט זיך אן, און ווען ער קומט צו די סוכה זעהט ער אויך דעם וואונדער ווי עס איז ליכטיג, ארום און ארום רעגנט, נאר אין די סוכה איז טרוקן, די סוכה איז נישט באדעקט מיט קיין שלאק, און דער בעש"ט הקדוש זינגט זמירות שירות ותשבחות.

דער רב האט זיך געשטארקט און איז אריין אין סוכה און געבעטן מ'זאל

אים לאזן קידוש מאכן און עסן א כזית כדי מקיים צו זיין די מצוה.

דער בעש"ט הק' האט געהייסן מכבד זיין דעם רב און אים געבן א כוס קידוש צו מאכן, דאן זענען קלאר מקויים געווארן די ווערטער פון בעש"ט הק': "ער וועט דארפן אנקומען צו אונזער סוכה".

דער פתקא מן שמיא איז שפעטער איבער געקומען צו פארשידענע יידן און חסידים, און עס איז ענדע געקומען צו אונזערער א חסיד הרה"ח ר' אברהם פארבראדער - א חסיד פון קארלין, און ער האט פון דעם קיינעם נישט דערציילט.

אין א טאג האט אויסגעבראכן א שריפה אין פארבראד און די הויז פון ר' אברהם'ען איז ארויף אין פלאמען.

ר' אברהם האט געוויינט ווי א קליין קינד און געזאגט: גלויבט מיר, איך וויין נישט אויף מיין הויז און מיין פארמעגן, איך וויין אויף דעם חשוב'ן "פתקא מן שמיא" וואס איז ארויף צוריק אין פייער.

## אין היכל פון צדיק

דערציילט האט איינער פון די אלטע חסידים הרה"ח ר' שאול כהנא ז"ל, וואס איז געווען בשעת מעשה אין טשורטקוב:

אין איינע פון די סעודות וואס הרה"ק ר' דוד משה פון טשורטקוב זצוק"ל (זיין הילולא הושענא רבה, כ"א תשרי (תרס"ד), האט געפראוועט אין דעם טאג ג' חשון, די הילולא טאג פון זיין פאטער דער הייליגער רוז'ינער זצוק"ל, האט זיך אין מיטן די סעודה איינער פון די טשורטקובער חסידים שטארק צוטאנצט, מיט גרויס פרייד און התלהבות.

נאכן טאנצן, רופט אים צו דער טשורטקובער צדיק און פרעגט אים: דער טאטע איז אין דעם טאג נסתלק געווארן און איר טאנצט אזוי?!

דער חסיד איז געבליבן שטיין נישט האבנדיג קיין ווערטער אין מויל מיט וואס צו פארענטפערן דעם צדיק'ס קשיא.

רופט זיך אן דער הייליגער טשורטקובער זצוק"ל:

איך וועל דיר זאגן:

אין דעם טאג פון א הילולא גייט דער צדיק, דער בעל הילולא, ארויף פון זיין ארט צו א העכערן היכל, וואס ווערט מיט דעם אלטן היכל וואו ער איז געווען ביז יעצט, ער בלייבט ליידיג?

ניין, די וואס זיי זענען זיך משתתף אין די סעודות פון דעם בעל הילולא, און האבן א שייכות מיטן צדיק, זיי וועלן אריין גיין אין דעם היכל. נו, מעג מען דאך טאנצן אויף דעם.

# די פיר וינקלען פון שטוב

## תורה און דרך ארץ

**ושמחת בחגך.** דער גרויסער רבי אהרן פון קארלין זי"ע האט געזאגט: "אז מ'זאגט אז מ'דארף זיין בשמחה מיינט מען נישט שמחה של מצוה, שמחה של מצוה איז א מדריגה און נישט יעדער איינער קען צוקומען צו די מדריגה, די כוונה איז שמחה פשוטה נישט זיין ח"ו בעצבות, א ייד וואס איז נישט פריילאך ווייל ער איז א ייד איז א כפוי טובה".

☆ ☆ ☆

**ויעשו כולם אגודה אחת.** די פושעי ישראל זענען געגליכן צו די ערבה וואס האט נישט קיין טעם און נישט קיין ריח, איז וואס איז די עצה פאר זיי? זיי זאלן זיך צובינדן צו א צדיק וואס האט יא א טעם און א ריח, וועלן זיי דורך אים האבן א תיקון, פונקט אזוי ווי די ערבה ווערט פארבונדן מיט דעם לולב און הדסים. (בית אברהם)

## הלכות און מנהגים

### בסוכות תשבו שבעת ימים

ערב סוכות עסט מען נישט קיין סעודה פון חצות און ווייטער כדי מ'זאל קענען עסן ביינאכט דעם כזית אין סוכה לתיאבון.

בדיעבד קען מען עסן ביז די צענטע שעה פון טאג. **(מטה אפרים)**

דעם ערשטן כזית די ערשטע נאכט פון סוכות אין סוכה איז דאורייתא, פונקט ווי די מצה פסח ביינאכט, דארף מען עסן א "כזית" אין כדי אכילת פרס א צייט פון ביז 4 מינוט, אן אויסרעדן.

לכתחילה דארף מען עסן א שיעור כביצה די ערשטע נאכט זאל זיין א שיעור פון א סעודה. **(מטה אפרים)**

ביי "הבדלה" יום טוב און מוצאי שבת מאכט מען נישט קיין "לישב בסוכה".

הושענא רבא מאכט מען אויף די חלות א צורה פון א לייטער.



## מוסר און יראת שמים

### ושאבתם מים בששון

חסידים פון הארדנע פלעגן פארן צום קאז'ניצער מגיד און צום חוזה קיין לובלין. נאך די הסתלקות פון די צוויי צדיקים זענען צוויי פון זיי געפארן זוכן א רבי, זענען זיי געקומען צום אלטן סטאלינער זצוק"ל, און זענען דארט געווען אויף א גאנצן שבת. ביי אלע סעודות האט דער רבי זי"ע נישט געזאגט קיין תורה, מוצאי שבת האט ער געמאכט הבדלה און ווען ער איז געקומען צום פסוק "ושאבתם מים בששון ממעייני הישועה" האט ער געזאגט דעם תרגום יונתן בן עוזיאל "ותקבלו אולפן חדת בחדווא מבחירי צדקיא" (ישעיה פ' י"ב פסוק ג'). די ווערטער זענען אריין אין זייערע הערצער. ביז 2 טעג האבן זיי נישט געקענט קוקן אויף אונזער עולם השפל, זיי זענען געווען אינגאנצן אויסגעטאן פון די וועלט, און האבן שפעטער אנגענומען דעם אלטן סטאלינער אלס רבי.

## חסד און חסידות

### אך את דמכם לנפשותיכם

ווען דער קאז'ניצער מגיד הרה"ק ר' ישראל זצוק"ל (זיין הילולא, י"ד תשרי, תקע"ה) איז געווען אויף דער עלטער, איז ער געווען שוואך און קראנק און ער איז געלעגן אין בעט.

געקומען איז צו אים דער אלטער סטאלינער הרה"ק ר' אשר זצוק"ל אויף א וויזיט.

ווען דער קאז'ניצער האט גענומען דאווענען האט ער געשפרונגען פון בעט ווי א יונגער קינד און האט פון התלהבות געקלאפט דעם קאפ אין וואנט, און דאס האט דער אלטער סטאלינער נישט געקענט ליידן, ער האט גענומען זיין הייליגע האנט און אונטער געלייגט אויפן וואנט, אז דער מגיד זאל קלאפן דעם קאפ אויפן האנט, און ווען דער מגיד האט געקלאפט דעם קאפ אויף זיין האנט איז ארויס בלוט פון די הייליגע האנט פון סטאלינער זצוק"ל.

# ספור

## דער ריח פון אתרוג האט אים צוריק געברענגט

הרה"ק ר' יצחק פון אוז'רוב זצוק"ל איז געווען פון די חשוב'ע תלמידים פון רבי'ן ר' אלימלך פון ליז'ענסק זי"ע. צו אים זענען געפארן דער קאז'ניצער מגיד און דער חוזה פון לובלין.

דעם צדיק'ס, רבי יצחק אוז'רובער זצוק"ל'ס, עבודה איז געווען א ספעציעלע, און איבערהויפט אין די מצוה פון סוכה דארט האט ער זיך ארויס געוויזן מיט זיין חביבות מצוה, ער האט די גרויסע סוכה מיט זיינע אייגענע הענט אויפגעשטעלט, און נישט געלאזט קיינעם דאס בויען, די חסידים האבן נאר צוגעהאלפן מיטן דערלאנגען.

גלייך מוצאי יום כיפור נאך זיין גרויסע עבודה אין דעם הייליגן טאג, האט ער זיך גענומען צו בויען די סוכה, חסידים זענען געקומען צו לויפן און זיך אויסגעשטעלט אין א שורה, יעדער האט געוואלט האבן א זכיה צו דערלאנגען עפעס צום צדיק וואס פלעגט שטיין אויפן לייטער און קלאפן די טשוועקעס אדער דעקן דעם סכך.

בשעת מעשה זענען געשטאנען אין דער זייט א קאפעליע פון די חסידים וואס פלעגן זינגען און שפילן מיט מוזיק אלע יום-טוב'דיגע ניגונים און פארשידענע מארשן.

אויף די שעה'ן פון אויפשטעלן די סוכה האבן די חסידים געווארט א גאנץ יאר און מען פלעגט זיך אויסדריקן: "מי שלא ראה שמחת בניית הסוכה באוז'רוב לא ראה שמחה מימיו"!

איינער פון די חשוב'ע חסידים וואס פלעגט צושטעלן אסאך פון די הוצאות פון הויף איז געווען ר' משה לייב דער נגיד פון אוז'רוב וואס איז געווען א חסיד א תלמיד חכם און א גרויסער סוחר.

דער ר' משה לייב פלעגט אויסצאלן די אלע הוצאות פון רבינ'ס סוכה און די נוי סוכה, דעם רבינ'ס ארבעה מינים א.א.וו.

אבער ער אליין, ר' משה לייב, פלעגט פאר זיך אויך בויען אליין א סוכה וואס איר שיינקייט איז נישט געווען צו באגריפן, א גאנץ יאר וואו ער האט נאר געזעהן א שיינע זאך, א בילד, א צירונג, א שיינעם ליילאך, א.ד.ג. האט ער דאס גקויפט "לכבוד סוכות" און דעריבער איז יעדער יאר זיין סוכה געווארן שענער און שענער, לא הרי די סוכה פון איין יאר צו די סוכה פון דעם צווייטן יאר.

די ארבע מינים פלעגט ר' משה לייב קויפן פון די שענסטע און די בעסטע, און ער פלעגט אפאר טעג פאר יום טוב זיך טשאטשקען מיטן שיינעם אתרוג און זיך פרייען אנטקעגן די הויז געזינד.

איין קליין בן יחיד האט ר' משה לייב געהאט, א קלוגער און אן עילוי, אלט געוועןאיז ער 5 יאר ווען די מעשה איז געוועןן, און זיין פקחות האט שוין גע'שמ'ט אין שטאט. ביי ר' משה לייב איז דער בן יחיד געוועןן ווי די אויגן אין קאפ.

די גוים אין אוז'רוב האבן אויף דעם קינד געלייגט זייער אויג און האבן אים געוואלט אריין כאפן צו זיי אין נעץ און פון אים מאכן ביי זיי א גלח, זייענדיג אזא שארפע קאפ.

דער קלוגער קינד וואס האט געזעהן זיין טאטנ'ס חביבות מצוה פון סוכה און ארבע מינים האט זיך אויך ביי אים איינגעבאקן די מידה, ווען דער טאטע פלעגט נישט זיין אין הויז ערב סוכות פלעגט ער ארויס נעמען דעם טאטנ'ס אתרוג און אים שמעקן און הנאה האבן דערפון, אויך נאך סוכות האט ער זייער ליב געהאט צו האלטן דעם אתרוג און הנאה האבן פון זיין שמעק, א ספעציעלע הנאה האט ער באקומען פון דעם שמעק פון אתרוג און ער פלעגט זיך נישט קענען אנזעטיגן.

אין א יאר ערב סוכות ווען ר' משה לייב איז געוועןן פארנומען ביים רבי'ן אין סוכה און האט געלאזט דעם קינד אליין אין הויז, די פרוי איז דאן ארויס איינקויפן אויף יום-טוב, איז אריין א גוי אין הויז, ער האט דעם קליינעם פארכאפט אין א זאק און מיט א פלינקקייט אים געפירט צום הויפט גלח אין קירכע.

ווען די מוטער איז אהיים געקומען איז איר טונקל געווארן אין די אויגן, געטראפן האט זי די טיר אפן און דער יונגער באליבטער קינד געפינט זיך נישט אין הויז, באלד איז דער פאטער אויך אהיים געקומען און אים אויך איז געוועןן א וואונדער וואו דער קינד איז אוועק. אליין פלעגט ער קיינמאל נישט ארויס גיין פון הויז.

מ'האט גענומען ארום זוכן דעם קינד און אין די גאנצע שטאט איז געווארן א גערודער אלע פון קליין ביז גרויס האבן זיך ארויס געלאזט זוכן דעם באליבטן קינד.

ליידער האט זיך נישט געוויזן קיין סימן פון קינד און קיינער האט נישט געקענט דערגיין וואו ער איז אזוי פלוצלונג פארשוואונדן געווארן.

דעם ערשטן טאג סוכות האט דער אוז'רובער צדיק געשיקט רופן דעם גאנצן עולם און האט צו זיי אזוי געזאגט:

געשעהן איז ביי אונז א שרעקליכער אומגליק און דער ווייטאג איז גרויס, אבער מען טאר נישט פארגעסן אז עס איז יום-טוב און מיר מוזן זיך פרייען מיטן יום טוב וואס ס'שטייט אויף אים: "והיית אך שמח", אין דעם זכות וואס מיר וועלן זיך פרייען מיטן יום-טוב וועט הקב"ה אונז דערפרייען.

ביים הויפט-גלח אין הויז איז א שווערער קאמפף צווישן דעם יונגן

קינד וואס וויל בשום אופן נישט הערן פון קיין טענה וואס דער גלח לייגט אוועק פאר אים, אז ער מיינט נאר זיין טובה, און ער וויל אים באזארגן מיט "גן-עדן" אויב ער וועט בייטן דעם יידישן גלויבן מיט די נוצרי'שע.

דער גלח איז נישט פארמאטערט געווארן און דעם קינד האט ער פרובירט איינרעדן און אים ווייזן די גוטס פון "עולם הזה", אבער דער קינד וויל אלס נישט הערן.

אויף מארגן פון "שמחת תורה" שיקט דער אוז'רובער צדיק רופן דעם חסיד ר' משה לייב און זיין פרוי און זאגט צו זיי:

הערט גוט אויס מיינע רייד: איך בעט פון אייך איר זאלט נישט פארלירן דעם האפענונג, אייער זוהן וועט מיטן באשעפר'ס הילף אין א צייט צוריק קומען און איר וועט נאך פון אים האבן נחת!

דאס אויך - האט דער צדיק אויסגעפירט: דער זכות פון די מצוות פון סוכה און ארבע מינים וואס איר האלט און וועט האלטן מיט שמחה און מסירות נפש, דאס וועט ברענגען דעם זוהן צוריק צו אייך.

געהאפט האט ר' משה לייב אז אין דעם קומענדיגן סוכות ווען ער וועט דאס אריבער גיין מיט אלע הידורים וועט די ישועה קומען, דעריבער האט ער געהאפט און געווארט אויפן יום-טוב סוכות וואס וועט קומען אין א יאר ארום - דאס האט אים אויסגעזעהן די משמעות פון די ווערטער פון צדיק.

געקומען איז דער צווייטער סוכות ר' משה לייב האט זיך שטארק פארלייגט די סוכה נאך מער אויסצופוצן און ער האט אריין געלייגט אסאך מער הוצאות ווי ביז יעצט, אויך ארבע מינים האט ער געקויפט נאך מער מהודרים און געצאלט פאר זיי א גרויסן פרייז.

אריבער איז אבער דער גאנצער יום טוב און "אין קול ואין עונה" מען הערט נישט און מען זעהט נישט קיין סימן פון לעבן פון דעם פארשוואונדענעם קינד.

נאך "שמחת תורה" לויפט ר' משה לייב אריין צום רבי'ן מיט א גרויסן געוויין און שרייט אויס: וואס וועט זיין מ'זעהט נאך נישט די ישועה?

מ'טאר נישט פארלירן די האפענונג מען דארף האבן אמונה און בטחון עס וועט פון אונזערע רייד נישט אראפ פאלן, געהאלפן ווערן וועט מען דורך די מצוות פון סוכות אבער עס וועט נעמען אביסל צייט, דער קינד וועט זיין אייערער און איר וועט נאך האבן פון אים נחת.

יאר נאך יאר זענען אריבער, איין סוכות נאכן צווייטן, און ר' משה לייב זעהט נאך נישט זיין קינד וואס דארף שוין יעצט זיין א בחור אין די עלטערע יארן.

אפאר טעג פאר סוכות, ר' משה לייב האט נאך נישט קיין רעכטן אתרוג

און ער ווייסט אז אין יעדער סוכות איז זיין ישועה תלוי, דער רבי האט דאך פארט תולה געווען זיין הילף אין די מצוות פון סוכות, דעריבער לויפט ער צו זוכן דעם מהודר'דיגן אתרוג וואס פאר אים וועט ער צאלן וויפל נאר מען וועט פון אים בעטן.

געפארן איז דער מאל ר' משה לייב ווייט פון אוז'רוב ווייל אין דעם גאנצן געגנט זענען נישט געווען קיין שיינע אתרוגים, און דארט אין די ווייטע שטאט האט ער טאקע געטראפן אן אתרוג א הדר אזוינס און אזעלעכס, ער האט באצאלט גאר א גרויסן פרייז און זיך געלאזט אין וועג א צופרידענער צוריק קיין אוז'רוב.

ער איז נאר אפגעפארן א שטיקל וועג שטעלן אים אפ צוויי רוסישע סאלדאטן און זאגן אים אז ער איז ארעסטירט, ער איז באלד געבונדן געווארן מיט קייטן נאך דעם וואס זיי האבן פון אים צוגענומען די ערשטע זאך - דעם שאכטל מיטן אתרוג און דאס איינגעפאקט אין א פייער קאסע.

ר' משה לייב האט נישט געוואוסט אז די צוויי סאלדאטן האבן אים נאכגעקוקט אנקומענדיג אין די ווייטע שטאט און זיי האבן צוגעקוקט ווי ער קויפט א "לימענע", און ער צאלט דערפאר א גרויסן צאלונג הונדערט מאל מער ווי סתם א לימענע קאסט, און יענער פארפאקט נאך די לימענע אין אזא וואטע און מיט איידלקייט ווערט די לימענע אריין געטאן אין א פארמאכטן שאכטל. זעהט אויס, האבן זיך די צוויי סאלדאטן אדורך גערעדט, אז דאס דארף זיין א לימענע אנגעפילט מיט פולווער און דאס וועט ווערן גענוצט אלס א באמבע, וואס ווער ווייסט צו וועמען דער ייד גייט דאס אונטערשיקן א מתנה און דאס וועט פלאצן ביי יענעם אין די הענט, ווער ווייסט צו דער קרבן וועט נישט זיין איינער פון די הויפטן אין די מלוכה?! ווארום עס קען דאך נישט זיין אנדערש א מענטש זאל פארן ווי ווייט צו קויפן א לימענע און צאלן דערפאר אזוי פיל געלט?!

אין אוז'רוב איז באלד צושפרייט געווארן די ידיעה אז ר' משה לייב איז ארעסטירט געווארן און קיינער ווייסט נישט פארוואס.

מען האט באלד גענומען אדוואקאטן מ'זאל משפיע זיין אויף די מלוכה מ'זאל אים ארויס לאזן פאר יום טוב, אבער פון די מלוכה האט מען געלאזט וויסן שטרענג און געבעטן אז יידן זאלן זיך נישט אריינמישן אין דעם ענין, ווייל אויב מ'וועט טרעפן ווי מען שטעלט זיך פאר דעם גרויסן פארברעך פון באשולדיגטן, און יידן וועלן זיך אריין מישן פאר זיינעט וועגן, וועט דאס אויסרופן אז די גאנצע יידישע קהילה האט א האנט אין דעם פארברעך.

צום אתרוג וואס איז געלעגן פארמאכט אין א פייער קאסע

האבן נאך די סאלדאטן מורא געהאט צו צוגיין ווייל זיי זענען זיכער געווען אז דאס וועט אויספלאצן ביי זיי אין די הענט, דעריבער האבן זיי באשלאסן צוווארטן ביז נאך די חקירה וואו די חוקרים וועלן פון דעם באשולדיגטן ארויס באקומען דעם אמת.

אן אנלויף צום רבי'ן דער אוז'רובער זצוק"ל איז באלד געווארן פון די פרוי און די גאנצע פאמיליע וואס האבן געוויינט און געקלאגט אויף די נייע צרה וואס איז אויף זיי געקומען.

מ'דארף גלויבן מיט אמונה און בטחון אז די הילף וועט אין גיכן קומען און צו די צרות וועט קומען אן עק. האט זיי דער צדיק געטרייסט.

אין בית משפט ווערט ר' משה לייב געברענגט און דער שופט און נעבן אים אויך א יונגער גלח נעמען דעם ווארט און ווילן פון אים הערן פונקטליך וואס ער האט מיט די לימענע געוואלט טאן.

ר' משה לייב שטארקט זיך און זאגט: אין די טעג איז ביי אונז יידן יום טוב, וואס מען נוצט א לימענע צו שאקלען מיט דעם, און וויבאלד די סארט לימענע וואס ווערט ביי אונז גערופן "אתרוג" איז נישט געווען קיין שיינע אין אונזער שטאט, בין איך געפארן ווייט כדי דאס צו באקומען, און דעריבער אויך באצאלט פאר איר א גרויסע סומע געלט.

די אלע ארום האבן גענומען לאכן מיט א פולן מויל אויף די מאדנע רייד פון דעם ייד וואס האט אויסגעטראכט א "פאנטאזיע" ווי אזוי זיך צו פארענטפערן. נאר דער יונגער גלח, איז געשטאנען מיט מער ערנסטקייט, עפעס האט דאס אים אנגעהויבן דערמאנען.

זאג מיר ייד, רופט זיך אן צו אים דער שופט, ווער איז געווען דער וואס האט דיר געגעבן דעם איינפאל אנצופילן די לימענע מיט פולווער כדי צו מאכן די באמבע און טויטן א גרויסן מענטש פון די מלוכה? - זיי בעסער מודה און רעד צו די זאך!".

פולווער? באמבע? וואס רעדט איר נארישקייטן, ברענגט דעם אתרוג - די לימענע אהער וועט איר דאך באלד געוואויר ווערן אז דאס איז א פוסטע עלילה!

אט דאס וואס דו ווילסט, שרייט א צווייטער חוקר, מען זאל ברענגען דא די לימענע און מיר אלע זאלן דא געטויט ווערן עפענענדיג די געמאכטע באמבע!

אן עצה איז אבער פאראן, רופט זיך אן דער יונגער גלח, לאמיר נעמען א מענטש וואס איז שוין פאר'משפט געווארן צום טויט, אים ברענגען אויף א ליידיגן פעלד, ער וועט עפענען דעם שאכטל און צושניידן די לימענע און דאן וועט קלאר ווערן די זאך.

א קלוגער פלאן! - האבן אלע אויסגערופן, און דאס פאסט פאר

דעם יונגן גלח וואס איז באוואוסט מיט זיין גוטע קאפ.

באלד האט מען געברענגט אן אפגע'משפט'ן אין פעלד מ'האט מיט גרויס פארזיכטיגקייט געברענגט דעם שאכטל און דאס איבערגעגעבן אין די הענט פון דעם אפגע'משפט'ן ער זאל דאס עפענען, ווען קיינער איז ארום אים נישט געשטאנען.

ער האט געעפנט דעם שאכטל און עס האט גארנישט אויסגעפלאצט מ'האט אים דערלאנגט א מעסער ער זאל די לימענע צושניידן און זעהן קלאר אז אינווייניג איז נישטא קיין סימן פון פולווער, און עס איז קלאר געווארן אז עס איז סתם א פארדאכט פון די סאלדאטן און עס איז נישטא קיין סיבה דעם מענטש צו האלטן אין תפיסה, און מ'האט אים ארויס געלאזט צום פרייד פון אלע יידן.

די שטיקלאך אתרוג האט דער יונגער גלח גענומען אין האנט און דער שמעק האט אים דערוועקט עפעס א תענוג וואס ער האט געדענקט פון זיינע יונגע יארן, ער האט דאס גענומען צו זיך און געהאלטן אין איין שמעקן, דאס האט אים פשוט מחיה געווען, ער האט געשפירט אז דער שמעק האט אים אלע יארן אויסגעפעלט.

געשיקט האט דער גלח רופן צו זיך ר' משה לייב'ן און פון אים געבעטן אז ער זאל נאך אין זעלבן טאג ביי אים זיין.

ר' משה לייב האט זיך דערפון דערשראקן און איז דעריבער געלאפן צום אוז'רובער, און אים געפרעגט צו ער זאל גיין צום גלח.

דער אוז'רובער זי"ע האט זיך פון זיין שטול אויפגעהויבן און ארויס גענומען זיין אתרוג, און דאס אים געגעבן און געהייסן מיט דעם גיין צום גלח, צולייגנדיג די זעלבע ווערטער וואס ער האט אים געזאגט מיט יארן צוריק ווען דער קינד זיינער איז פארלוירן געווארן: מען דארף האבן אמונה, נישט פארלירן די האפענונג מ'וועט נאך זעהן פון אים נחת!

זאגט מיר, זאגט דער יונגער גלח, צו ר' משה לייב'ן ווען ער איז צו אים אריין געקומען, וואס איז דאס די לימענע וואס צוליב דעם האט מען אייך איינגעזעצט? זיין ריח איז דאך אזא געשמאקער און עס האט מיר דערמאנט עפעס אין מיינע יונגע יארן מיט דעם ריח פלעג איך זיך דערקוויקן.

דאס איז נישט קיין לימענע - זאגט ר' משה לייב, נאר אן אתרוג ווערט דאס ביי אונז יידן אנגערופן און מיר מאכן אויף אים א ברכה היינט וואס איז ביי אונז יום טוב און ווערט אנגערופן "סוכות", מיר שאקלען מיט דעם און מיט א לולב, דער אתרוג האט א ספעציעלן גוטן ריח.

מיר דערמאנט זיך יעצט - זאגט דער גלח מיט טרערן אין די אויגן - אז אלס קליין קינד האב איך שטארק ליב געהאט דעם ריח און ווען מיין

פאטער האט אזא לימענע - אתרוג געהאט האב איך דאס ליב געהאט צו שמעקן, אריבער זענען אסאך יארן און אין מיין זכרון איז איינגעבאקן דער ריח, וואס האט מיר יעצט דערמאנט.

ביי ר' משה לייב'ן האט גענומען די הארץ קלאפן עס האט זיך אים דערוועקט דער אלטער וואונד, ער געדענקט דאך זיין יונגן קינד וואס פלעגט זיך דערקוויקן מיטן אתרוג און זיין געשמאקן ריח, ווי קומט אזא זאך ביי א גוי'יש קינד? טראכט ר' משה לייב.

אבער באלד נעמט ר' משה לייב טראכטן און צונויף בינדן די אלע רייד פון רבי'ן, אז דורך די מצוה פון סוכה און ארבע מינים וועט ער האבן די ישועה, די מאדנע עלילה מיטן אתרוג, די רייד פון רבי'ן און די רייד פון דעם גלח, אפשר אפשר, טראכט ר' משה לייב, שטייט ער דא נעבן זיין פארלוירענער זוהן?

וואס נאך געדענקט איר פון אייערע קינדער יארן? פרעגט ר' משה לייב דעם יונגן גלח, און ער נעמט זיך דערמאנען פון די שיינע סוכה וואס פלעגט זיין ביי זיין טאטן און דערציילט דאס פאר ר' משה לייב'ן.

ווייסט איר אפשר ווער אייער פאטער איז? - פרעגט שוין ר' משה לייב מיט שטארקע הארץ קלאפעניש. פון מיינע גאר יונגע יארן געדענק איך שוין נישט איך ווייס נאר אז געהאדעוועט האב איך זיך ביים הויפט-גלח דא אין אוז'רוב ער האט זיך געהאלטן מיין מחנך אבער ער האט קיינמאל נישט געוואלט רעדן מיט מיר וועגן מיין יוגנד, און ווער מיין טאטע איז געווען, געהייסן האט אז איך בין א געפונענער קינד אן קיין טאטע מאמע.

מיין קינד! - האט ר' משה לייב א געשריי געטאן - ארויף פאלנדיג אויפן האלדז פון דעם גלח, דו ביזט נישט קיין געפונענער נאר א גע'גנב'עטער קינד, פון מיין הויז האט מען דיר ארויסגע'גב'עט און געברענגט צום גלח און ס'איז אסאך יארן וואס מיר זוכן דיר ארום!

טאטע! - האט דער יונגער "גלח" געגעבן א געשריי: - עס דערמאנט זיך שוין אלעס, עס קומט ארויף אויף די געדאנקען אלעס וואס איז אדורך אין די גאר יונגע יארן. דער פארכאפן אין זאק דורך א גוי, דער אריין ברענגען צום הויפט-גלח דאן האב איך געפירט אפאר טעג א שטארקן קאמפף מיט אים ער זאל מיר לאזן מיט מיין יידישקייט און צוריק ברענגען צו די טאטע מאמע, די שווערע טעג וואס מען האט מיר איבערגעקערט מיינע געדאנקען און אינגאנצן געענדערט ביז איך האב צוביסלאך אינגאנצן פארגעסן מיין אפשטאם".

אה! - טאטע האט דער יונגער "גלח" אויסגעשריגן - דער ריח פון אתרוג האט מיר צוריק געברענגט צו דיר.

באלד האט ר' משה לייב ארויס גענומען דעם רבינ'ס אתרוג און האט דאס געגעבן אין די הענט פון

זוהן ער זאל דאס האלטן און זיך אנזעטיגן מיט דעם אתרוג וואס איז היינט א מצוה אויף אים צו בענטשן.

אויפן ארט האט דער יונגער "גלח" גענומען מאכן א פלאן ווי צו פארלאזן זיין הויז און זיך צוריק קערן צום יידישן פאלק. שפעטער איז ער געווארן פון די חשוב'ע יונגעלייט און דער פאטער האט פון אים אסאך נחת געהאט, ווי דער רבי האט אים צוגעזאגט.

## ושמחת בחגך

**דער אלטער סטאלינער זי"ע האט געזאגט:**

**מ'זאגט "זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו" נאכדעם זאגט מען "אנא ה' הושיעה נא" מ'איז מתפלל "אנא ה' הושיעה נא" ער זאל אונז העלפן קומען צו שמחה.**

**דער אלטער רבי דער "בית אהרן" זי"ע האט געזאגט:**

**אויף שמחה דארף מען הארעווען מער ווי אויף אלע מידות.**

## ולקחתם לכם ביום הראשון

**דער "מדרש תנחומא" טייטשט: "ביום הראשון" ראשון לחשבון עוונות. פארוואס ראשון לחשבון עוונות?**

**אין מדרש איז אויך דא: רבי אבא דעכו אומר עץ הדעת אתרוג היה - רבי אבא זאגט אז דער בוים פון עץ הדעת איז געווען אן אתרוג בוים - איז דאך ממילא דער ערשטער חטא אין דער וועלט געווען דורך אתרוג - ראשון לחשבון עוונות.**

## הושענא רבא

**דער טאג "הושענא רבא" איז ביי יידן גערעכנט ווי א יום הדין, די מקורות אויף דעם זענען:**

**אין מדרש שטייט:**

**אמר הקב"ה לאברהם אני יחיד ואתה יחיד, אתן לבניך יום המיוחד לכפר בו עונותיהם, אם אין כפרה לבניך בראש השנה יהיה ביום הכיפורים, ואם לאו, יהיה בהושענא רבא.**

**אין זוהר הקדוש שטייט:**

**יומא שביעאה דחג הוא כיומא דדינא ופתקין נפקין מבי מלכא - דער זיבעטער טאג פון סוכות איז ווי דער יום הדין, ווייל אין דעם טאג באקומט יעדער מענטש זיין צעטל, דער פסק דין - וואס דארט איז פארצייכנט וואס עס וועט מיט אים פאסירן דעם יאר. פון דעם נעמט זיך דער מנהג צו ווינטשן הושענא רבא "א גוטן קוויטל".**

# ספור

## דער בריוו צום אלטן רבי'ן

צו די הילולא פון הרה"ק ר' אשר פון סטאלין (דער אלטער סטאלינער) זצוק"ל. כ"ו תשרי (תקפ"ז).

ביים אלטן רבי'ן דער הייליגער "בית אהרן" איז געווען איינער פון די חשוב'ע חסידים וואס איז ארום געפארן נעמען מעמדות אין די אלע שטעטלאך - ער איז שוין געווען אויף דער עלטער, אבער זיין עבודת הקודש האט ער נישט אפגעלאזט און איז געפארן פון שטעטל צו שטעטל.

ויהי היום, ווען דער חסיד איז געווען ביים "בית אהרן" האט אים דער אלטער רבי זי"ע געזאגט: דו פארסט דאך קיין קרימעטשוק, מיר ווערן דיר מיט געבן א בריוו צו איצל'ה קרימעטשוקער - ר' איצל'ה איז געווען דעם בית אהרן'ס א חסיד און דער ראש פון חברה קדישא אין קרימעטשוק.

דער אלטער רבי האט אפגעשריבן דעם בריוו, אריין געטאן אין א קאנווערט, און אויף דעם קאנווערט אויפגעשריבן א נאמען, דעם קאנווערט האט ער אריין געלייגט אין א צווייטן קאנווערט און אים פארמאכט, און דעם בריוו איבער געגעבן צום אלטן חסיד און צו אים געזאגט: דאס זאלסטו איבער געבן איצל'ען!

דער חסיד איז אנגעקומען אין קרימעטשוק, און איז דארט קראנק געווארן, ער האט געשיקט רופן ר' איצלה'ען און אים דערלאנגט דעם בריוו פון אלטן רבי'ן צו אים.

ווען ר' איצל'ה האט דעם קאנווערט געעפנט האט ער באלד דערזעהן דעם צווייטן קאנווערט מיט דעם נאמען וואס איז געווען אויף אים געשריבן, און ער איז בלאס געווארן.

דער חסיד האט באלד באמערקט דעם שינוי צורה פון ר' איצלה'ן, האט ער פארשטאנען אז דאס מיינט אים, און האט אנגעהויבן פרעגן ר' איצלה'ן וואס באדייט דער בריוו, אבער ר' איצל'ה האט זיך צום אנהויב געפרואווט ארויס דרייען פון אים. ווען דער חסיד האט זיך נישט געלאזט, האט אים ר' איצל'ה געזאגט: דא האט דער "בית אהרן" געשריבן א בריוו צו זיין הייליגן טאטן דער אלטער סטאלינער וואס געפינט זיך אין דעם "עולם שכולו טוב".

דאס מיינט - רופט זיך אן דער חסיד - אז מיין קרענק יעצט איז שוין א סימן אז מיינע טעג זענען קורצע, און ער האט זיך צו-וויינט.

רופט זיך אן צו אים ר' איצל'ה: וואס וויינט איר? אפשר וואלטן מיר געמאכט א געשעפט, איך בין גרייט

זיך צו בייטן, איך לייג זיך אריין אויף אייער ארט אין בעט און איך נעם דעם בריוו...!

ניין! - רופט זיך אן דער אלטער חסיד - אויב דער רבי האט מיר געגעבן דעם בריוו בין איך מקבל די שליחות און איך וועל זיך נישט בייטן!

דער חסיד האט געבעטן ר' איצלה'ן: געדענקט מיר אריין צו לייגן דעם בריוו אין האנט איידער מ'וועט מיר באדעקן.

איך וועל דאס טאן! - זאגט ר' איצל'ה - נאר מיט איין תנאי אז איר וועט מיר קומען דערציילן וואס מיט אייך איז געווען און ווי אזוי איר זענט אדורך מיט דעם בריוו! און אויף דעם וויל איך א תקיעת כף.

דער חסיד האט צוגעזאגט. עס זענען אריבער אפאר טעג און ער האט אויסגעהויכט זיין נשמה.

ר' איצל'ה אלס ראש פון חברה קדישא האט זיך מיט אים מטפל געווען און פארן באדעקן האט ער אים דעם בריוו דערלאנגט אין האנט, און זיך אנגערופן צו אים:

"דו זאלסט האבן שכל און דעם בריוו נישט איבער געבן נאר דעם אלטן סטאלינער אליין אין האנט!".

עס האט גענומען אפאר וואכן און דער אלטער חסיד איז געקומען צו ר' איצלה'ן אין חלום און געזאגט: איך בין געקומען מקיים זיין מיין צוזאג! און האט דערציילט:

א גרויסן טומל איז געווארן נאך מיין ארויף קומען אויף יענער וועלט ווען איך האב געזאגט אז איך האב א פריוואטן בריוו צום הייליגן סטאלינער, פארשידענע מלאכים האבן זיך אנגערופן אז זיי זענען גרייט אויסצופירן א שליחות און דאס איבער געבן צום צדיק, אבער איך בין געשטאנען שטארק ביי די טענה, איך בין א שליח פון "בית אהרן" דארף איך אויספירן זיין שליחות איך בין נישט גרייט איבער צו געבן דעם בריוו נאר צום צדיק אליין און נישט דורך א צווייטן!

מ'האט מיר געפירט פון היכל צו היכל, און ביי יעדן היכל האבן זיך געביטן די מיטגייער, זיי האבן גע'טענה'ט אז זיי האבן נישט קיין זכות צו גיין העכער, און זיי האבן מיר איבער געגעבן צו אנדערע באגלייטער ביז איך בין געקומען נאנט צום היכל וואו דער אלטער סטאלינער געפינט זיך, האבן מיר די לעצטע באגלייטער געזאגט אז זיי אליין האבן נישט קיין זכות אריין צו גיין צום דעם היכל נאר זיי קענען מיר ווייזן פון דערווייטנס וואו דער אריינגאנג איז, און אזוי האבן זיי געטאן, איך בין ווייטער אליין געגאנגען אבער ליידער מער קען איך נישט דערציילן, און ר' איצל'ה האט זיך אויפגעכאפט פון דעם חלום. מ'קען זיך פארשטעלן אז דער חסיד איז שוין פון רבינ'ס היכל נישט ארויס!

# ספור

## מסירות נפש צו פארן צום אלטן רבי'ן זי"ע

צו די הילולא פון מרן הרה"ק ר' אשר פון סטאלין זצוק"ל

כ"ו תשרי (תקפ"ו)

צום אלטן סטאלינער, הרה"ק ר' אשר זצוק"ל, פלעגט קומען פון צייט צו צייט א חסיד מיטן נאמען ר' יודא פון די שטאט פעריבראד.

מאכט זיך אמאל אין ניסן צייט פאר פסח, און דער חסיד איז געפארן קיין סטאלין, אריין צו גיין צום רבי'ן און נעמען פון אים א ברכה.

ווען דער חסיד איז געקומען נעבן טייך וואס פלעגט ווינטער זיין פארפרוירן און עס איז געווען לייכט אריבער צו גיין מיט א וואגן אדער צו פוס, איז שוין דער טייך אפגעגאנגען אביסל, און אין אסאך ערטער איז שוין נישט געווען מעגליך אריבער צו גיין, אפילו צו פוס איז געווען א סכנה פון אריין פאלן אין טייך.

דער חסיד האט גענומען טראכטן צו ער זאל אריבער גיין דעם טייך און זיך איינשטעלן אין א סכנה צו נישט, ביז ער איז געקומען צו א באשלוס וויבאלד ער גייט דאך צום רבי'ן וועט דער רבי אים זיכער שטיין צו הילף ער זאל חלילה נישט געשעדיגט ווערן, און ער האט דעריבער באשלאסן זיך צו קאטשען, נישט גיין מיט די פיס, איבערן טייך און אזוי מיטן רבינ'ס כח וועט ער אנקומען אין די צווייטע זייט טייך, און ער האט אזוי געטאן, ווען ער האט נישט איינמאל געשפירט אז ער געפינט זיך אין סכנה, אבער מיטן באשעפער'ס הילף איז ער דעם טייך אריבער.

אזוי ווי דער חסיד איז אריין געקומען צום אלטן סטאלינער זי"ע האט ער אים נישט געוואלט געבן שלום און האט מיט אים קיין ווארט נישט געוואלט רעדן.

דער חסיד איז געווארן זייער צובראכן ביי זיך אז דער רבי וויל אים נישט אפילו שלום געבן, ווער ווייסט וואס ער האט זיך אזוי פארזינדיגט?

אפאר טעג איז דער חסיד געבליבן און דער רבי האט אים נאך אלץ דערווייטערט און נישט געוואלט אפילו זעהן פאר די אויגן, אסאך השתדלות האט דער חסיד געמאכט, ער האט כאטש געוואלט וויסן די סיבה פארוואס דער רבי דערווייטערט אים אזוי שטארק.

נאך דעם וואס ער האט געשיקט בעטן ביים רבי'ן רחמנות און ער האט צוגעזאגט אז ער איז גרייט אלעס צו פאריכטן, האט אים דער אלטער סטאלינער אריין געלאזט און ער האט צו אים געזאגט די ווערטער:

אונזערע חכמים דערציילן אז אין די צייט פון דוד המלך איז א ייד א סוחר

געגאנגען מיט א גרויסע סומע געלט צו קויפן סחורה, אריבער איז דער סוחר א וואלד און דא באפאלט אים א גזלן וואס איז ליידער געווען א פארקראכענער ייד און ער האט אים געוואלט טויטן און צונעמען זיין געלט.

דער סוחר האט זיך גענומען בעטן ביים גזלן און האט צו אים געזאגט: דער עיקר ווילסטו דאך מיין געלט און נישט מיין נפש, פארוואס זאלסטו טאן אזא שלעכטס און מיר טויטן ווען איך בין גרייט דיר אוועק צו געבן מיינע געלט וואס איך האב?!

דער גזלן האט זיך מרחם געווען אויף אים און ער האט אים געלאזט לעבן נאכדעם וואס דער סוחר האט אים די גאנצע געלט אוועקגעגעבן.

ווען דער סוחר איז אפגעגאנגען אפאר טריט לויפט אים ווידער דער גזלן נאך און זאגט אים אז ער מוז אים יא הרג'ענען, ווייל ווען ער וועט אהיים קומען וועט ער דאך זיכער איבער געבן די מלוכה, אז עס געפינט זיך א יידישער גזלן אין וואלד וועט מען שיקן מיליטער אים צו זוכן איז ער דאך אין א סכנה דעריבער מוז ער אים טויטן כדי ער זאל די זאך נישט דערציילן.

איך בין גרייט צו שווערן, זאגט דער סוחר פארן גזלן, אז איך וועל דערפון קיינעם נישט דערציילן, און דארפסט מיר נישט טויטן. דער גזלן האט אנגענומען די בקשה פון סוחר, און נאך וואס ער האט געשוואוירן אז ער וועט קיינעם אין דער וועלט נישט דערציילן, האט ער אים געלאזט לעבן און ער איז ווייטער געגאנגען זיין וועג. אבער נאכן אפגיין אביסל לויפט אים ווידער דער גזלן נאך און זאגט אים אזוי:

דו סוחר וועסט יעצט אנקומען אין ירושלים דארט געפינט זיך "דוד מלך ישראל" אויף אים ווייסט מען אז ער האט "רוח הקודש" אין דער מינוט וואס ער וועט דיר זעהן וועט ער אלעס וויסן וואס איז אריבער אויף דיר, און ער וועט שוין טאן וואס מען דארף דיר ארויס צו ראטעווען און שיקן סאלדאטן מיר אויפצוזוכן, דעריבער מוז איך דיר טויטן, און דער רשע האט אים טאקע געטויט.

און דער סטאלינער זצוק"ל האט ווייטער געזאגט: דוד המלך, זאגן אונזערע חכמים, איז געשטראפט געווארן פון הימל וואס דורך דעם וואס ער האט נישט אויסבאהאלטן זיין "רוח הקודש" פון מענטשן און אפילו דער גזלן האט פון דעם געוואוסט, איז צוליב די ידיעה געטויט געווארן א ייד.

יעצט - האט דער אלטער סטאלינער אויסגעפירט צום חסיד - ווילסטו אז מיר זאלן צוליב דיר געשטראפט ווערן, דו האסט זיך איינגעשטעלט דעם לעבן ווייל דו האסט זיך פארלאזט אז מיר ווייסן און מיר וועלן פועל'ן פאר דיר זאלסט ניצול ווערן פון יעדן סכנה, און דו ווילסט נאך אז מ'זאל דיר אויפנעמען שיין?!

דער חסיד האט צוגעזאגט אז מער וועט ער אזא נארישקייט נישט טאן, דאן האט אים דער רבי אויפגענומען.

# הילולא דצדיקיא

**יום א׳, ו׳ תשרי.** הרה״ק ר׳ אריה ליב בהרה״ק ר׳ ברוך זצוק״ל. הסבא משפאלי. תקע״ב.

**יום ג׳, ח׳ תשרי.** הרה״ק ר׳ נח בהרה״ק ר׳ מרדכי מלעכוויטש זצוק״ל. (תקצ״ג).

**יום ג׳, ח׳ תשרי.** הרה״ק ר׳ אלעזר ניסן מסיגעט בהרה״ק ר׳ משה זצוק״ל. בעל ״ישמח משה״. (תרט״ו).

**יום ג׳, ח׳ תשרי.** הרה״ק ר׳ אברהם יהושע העשיל בן הרה״ק ר׳ יצחק יעקב מביאלה זצוק״ל. (תרצ״ג).

**יום ה׳, י׳ תשרי.** הרה״ק ר׳ נפתלי חיים בה״ר מאיר מדז׳יקוב זצוק״ל. ירושלים. (תרנ״ה).

**יום ו׳, י״א תשרי.** הרה״ק ר׳ דוד הלוי בה״ר שמואל מסטעפין זצוק״ל. (תקע״א).

**יום ש״ק, י״ב תשרי.** הרה״ק ר׳ אברהם המלאך בהרה״ק ר׳ דוב בער המגיד ממעזריטש זצוק״ל. (תקל״ז).

**יום ש״ק, י״ב תשרי.** הרה״ק ר׳ יחיאל מיכל בהרה״ק ר׳ משה מזוויהל זצוק״ל. (תרט״ז).

**יום ש״ק, י״ב תשרי.** הרה״ק ר׳ שמואל בהרה״ק ר׳ מנחם מענדל (מהר״ש) מליובאוויטש זצוק״ל. (תרמ״ג).

**יום א׳, י״ג תשרי.** הרה״ק ר׳ מנחם מנדל בה״ר יחזקאל מדעש זצוק״ל. (תרמ״ה).

**יום א׳, י״ג תשרי.** הרה״ק ר׳ ישראל בהרה״ק ר׳ אברהם יעקב מסדיגורא זצוק״ל. (תרס״ז).

**יום ב׳, י״ד תשרי.** הרה״ק ר׳ ישראל בה״ר שבתי זצוק״ל. המגיד מקוז׳ניץ. (תקע״ה).

**יום ב׳, י״ד תשרי.** הרה״ק ר׳ מרדכי בהרה״ק ר׳ יחיאל מיכל מזוויהל זצוק״ל. (תרס״א).

**יום ג׳, ט״ו תשרי.** הרה״ק ר׳ מרדכי בהרה״ק ר׳ ישכר בערצ׳ מנדבורנא זצוק״ל. (תרנ״ה).

**יום ד׳, ט״ז תשרי.** הרה״ק ר׳ שמעון ב״ר ישראל מירוסלב זצוק״ל. תלמיד החוזה. (תר״י).

**יום ד׳, ט״ז תשרי.** הרה״ק ר׳ שמואל רוקח מסקאהל בהרה״ק ר׳ יהושע מבעלזא זצוק״ל. (תרע״ג).

**יום ד׳, ט״ז תשרי.** הרה״ק ר׳ צבי הירש בהרה״ק ר׳ שלמה ממונקאטש זצוק״ל. ״דרכי תשובה״. (תרע״ו).

**יום ו׳, י״ח תשרי.** הרה״ק ר׳ נחמן בהרה״ק ר׳ שמחה מברסלב זצוק״ל. (תקע״א).

**יום ו׳, י״ח תשרי.** הרה״ק ר׳ חנא מקאלשיץ בהרה״ק ר׳ מנחם מענדל זצוק״ל. (תש״ג).

**יום ו׳, י״ח תשרי.** הרה״ק ר׳ נפתלי בהרה״ק ר׳ יהודה ממעליץ זצוק״ל. מחבר ספר ״קדושת נפתלי״. (תרע״ו).

**יום ש״ק, י״ט תשרי.** הרה״ק ר׳ יעקב יצחק בהרה״ק ר׳ אשר ״היהודי הקדוש״ מפרשיסחא זצוק״ל. (תקע״ד).

**יום ש״ק, י״ט תשרי.** הרה״ק ר׳ יצחק אייזיק ב״ר שמואל זנוויל זצוק״ל. תלמיד ״החוזה מלובלין״. (תקפ״ז).

**יום ש״ק, י״ט תשרי.** הרה״ק ר׳ אהרן בהרה״ק ר׳ ישראל מסדיגורא זצוק״ל. מחבר ״קדושת אהרן״. (תרע״ג).

**יום א׳, כ׳ תשרי.** הרה״ק ר׳ יעקב יוסף בה״ר יהודה לייב מאוסטראה זצוק״ל. ״רבי ייבי״ תלמיד המגיד. (תקנ״א).

**יום ב׳, כ״א תשרי.** הרה״ק ר׳ מנחם מענדל ב״ר אליעזר מפרמישלאן זצוק״ל. תלמיד הבעש״ט מנו״כ בטבריה. (תקל״א).

**יום ב׳, כ״א תשרי.** הרה״ק ר׳ דוד משה מטשורטקוב בהרה״ק ר׳ ישראל מרוז׳ין זצוק״ל. (תרס״ד).

## - ימי זכרון של אנ״ש חסידי סטאלין-קארלין -

**יום ש״ק, ה׳ תשרי.** הרה״ח ר׳ יצחק בה״ר מיכאל וואלפין ז״ל. ניו-יארק. תשס״ח

**יום ש״ק, ה׳ תשרי.** הרה״ח ר׳ אהרן חיים ב״ר אשר הויזמן ז״ל. ירושלים. תשע״ד.

**יום א׳, ו׳ תשרי.** הרה״ח ר׳ צבי ב״ר אהרן גד הכהן (גרושקא) כהנא ז״ל. סארנא - ירושלים. תשנ״ז.

**יום א׳, ו׳ תשרי.** הרה״ח ר׳ משה חיים ב״ר אברהם מאיר שור ז״ל. ירושלים. תשנ״ו.

**יום ב׳, ז׳ תשרי.** הרה״ח ר׳ שמעיהו מרדכי בן ישראל נטע נאבער (מלמד) ז״ל. לוצק - ירושלים. תשע״ג.

**יום ג׳, ח׳ תשרי.** הרה״ח ר׳ אלעזר מנחם ב״ר פלטיאל שלום צבי וועקסלשטיין ז״ל. ירושלים. (תר״ן).

**יום ו׳, י״א תשרי.** הרה״ח ר׳ אברהם ב״ר אלעזר עטינגער ז״ל. טוראוו - קייב - ירושלים - תל-אביב. (תשי״ד).

**יום ו׳, י״א תשרי.** הרה״ח ר׳ ישראל ב״ר יוסף שפר ז״ל. טבריה. (תשנ״ו).

**יום ש״ק, י״ב תשרי.** הרה״ח ר׳ בן ציון בן הרה״ג ר׳ מרדכי אליעזר (מאדא) וובר ז״ל. ירושלים. (תרע״ח).

**יום א׳, י״ג תשרי.** הרה״ח ר׳ אשר ב״ר יעקב יהושע שיפמן ז״ל. ירושלים. (תשכ״א).

**יום ד׳, ט״ז תשרי.** הגה״ח ר׳ יצחק דוד בה״ר מרדכי גרוסמן מקומפלינג ז״ל. (תרע״ח).

**יום ד׳, ט״ז תשרי.** הרה״ח ר׳ שלמה ב״ר יעקב יוסף גייער ז״ל. ברוקלין. תש״מ.

**יום א׳, כ׳ תשרי.** הרה״ח ר׳ עזרא בה״ר יעקב שוחט ז״ל. אביו של כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א. ברוקלין. (תשס״ב).